STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09056

A ZEGL IN VINT

David Sfard

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד ספּאַרד

א זעגל אין ווינט

צייכענונגען פון
מאנע קאץ

דוד ספאַרד

א זעגל אין ווינט

צייכענונגען פון
מאנע קאץ

פאַרלאַג: יידיש בוך ווארשע

1961

D. SFARD

ŻAGIEL NA WIETRZE

Wydawnictwo „Idisz Buch"
Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 2238. Nakład 2.500 egz. Druk ukończono w maju 1961 r.
Ark. druk. 8.25. Ark. wyd. 6. Pap. rotograwiura III kl. 61 × 86 90 g
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. S-72

מאָרגנליכט

אזוי וועט זיכער זיין

כ׳וועל נישט לאָזן אַוועקגנעמען פון זיך דאָס ליכט,
וואָס האָט אויפגעשלאָגן אַזוי אומגעריכט
פון אונטער מיינע יונגע טעג
און אויפגעשטורעמט אַזוי שפּעדיק און רייך,
ווי אַ פרילינג־טייך,
אויף מיין האַרבסטיק־אומעטיקן וועג.

צי איז שוין ווען אַ שטראָם אַ באַרגיקער געפלאָסן אויף צוריק?
איבער יעדן אָפּגרונט כ׳וועל צעוויגן פון דאָס נײַ אַ זינגענדיקע בריק
און גיין פאָרויס צום שיינענדיקן ציל.
די קנוילן פינצטערניש, וואָס האָבן געוועבט דעם גאַנג,
כ׳וועל שפּאַלטן מיט דעם הייליקן געזאַנג,
וואָס אַלע הערצער פּשוטע זינגען אינדערשטיל.

און די פאַלשע טאַט, וואָס האָט דאָס ליד געשענדט,
וועט אין נייעם גרויסן זונען־בלענד
אַנטבלויזן זיך פון זיך אַליין,
און ווי אויף גרינעם בוים אַ קראַנקער שימל־שיכט,
ווי אַ לעצטער שאָטן פון דער נאַכט אין מאָרגן־ליכט —
פּלאַצן און פאַרגיין.

אַזוי וועט זיכער זיין,
ווייל ליכט איז די נשמה פון דער זון,
און אַלע שוואַרצע פלעקן, וועלכע גרייפן אָן
איר ברויזנדיקע שיין,
וועלן איינגעשלונגען ווערן אין איר לעבעדיקן פלאַם,
ווי אָפּפאַל אין דער טיפעניש פון ים.

דאָס ליד פון אַלע מיינע לידער

ליד פון אלע מיינע לידער,
געזאנג פון אלע ליכטיקסטע געזאנגען,
כ'בין מיט דיר אין טאָל פון מיינע ברידער
אין ערשטער שטורעם־צייט געגאנגען.

נישט אויף טאָוולען שטיינערנע פאַרשריבן,
נישט דורך בליץ און דונערן געלייענט —
שיכורע פון ליידן און פון ליבע,
געגאַנגען זענען מיר אין צווייען.

דו — מיט שטאָלצע לויכטנדיקע פאנען,
איך — מיט טעג פארלאָשענע און שווארצע,
דו — מיט אויפגעוואַכטער גבורה פון מיליאָנען,
איך — מיט שטילן גלויבן פון מיין הארצן.

ביז מיר זענען אָנגעקומען ביידע
אין דעם לאַנד פון פינקלדיקע שטערן —
ווער זשע קען אונדז איצט צעשיידן,
אין נצחון־מאַרש מיין טראָט פארווערן?

ס'בליט א יעדער בוים מיט זיינע צווייגן,
יעדער קוואַל זיין אייגנוועג זיך בויערט,
און נאָר אין הארץ, וואָס קען זיין ליד פאַרהיטן,
יונגער גלויבן שטענדיק דויערט.

בלויז די נאַכט פֿאַרמעקט מיט חושך די קאָלירן,
בלויז דער מדבר לעשט מיט זאַמדן אוים די קוואַלן —
אינעם טאָג־ליכט אַלע פֿאַרבן שימערירן,
אין דער בארג־לופֿט זינגען פֿריי די וואַסערפֿאַלן.

אָבער כוואַליעס שווימען אָפּ און קומען ווידער —
אייביק בלייבט דער ים, וואָס האָט מיין הארץ געפֿאַנגען;
אים געהערט דאָס ליד פֿון אַלע מיינע לידער,
דאָס געזאַנג פֿון אַלע ליכטיקסטע געזאַנגען.

אַ שטעטלשע באַלאַדע

נאַכט. אַ שטעטעלע פאַרוועבט אין דרימל.
ערגעץ אין די ווייטן יאָמערט שטיל אַ באַן.
אין דעם טיפן בלאָען ים פון הימל
די לבנה שווימט — אַ ווייסער שוואַן.

פון דעם פוסטן מארק קומען שאָטנס זיך צונויף
אין דעם אַלטן פּאַרק לעבן גרינעם סטאַוו.
ביי זיין וואַסער־שלאָס מיט די פּיס אַרויף
גליווערט טויט דער אַלטער גראַף.

שטיל ארום. עס שווייגט די ערד. דער הימל שווייגט.
שטערן ווינקען שטום פונעם סטאַוו אַרויס.
אויף די ביימער רירט זיך נישט קיין צווייג —
אַלע ווארטען אויף חצות.

פלוצעם קומען צוועלף ווייסע ציגן אָן,
רינגלען אין אַ קרייז ארום דעם גרעפיש טויטן גוף,
און מיט רויטע צינגער, כמו אַ רויטע פאָן,
רייסן זיי אים אויף פון זיין טויטן שלאָף.

רייבט דער אלטער גראף די אויגן אויס און זעט:
אין וואסער זינקט זיין שלאָס און ער אַליין —
ער טוט אַ קוק אין שטערן־לוח און פאַרשטייט,
וואָס עס איז געשען.

דאַן ווענדט ער צו די שאָטנס זיך — אָ שוואַרצע ריטער!
עס איז פאַרענדיקט שוין מיין ליד —
און אויף אַלע טונקעלע אַלייען ער צעוויינט זיך ביטער,
און אלע שאָטנס וויינען מיט אים מיט.

נאָר גלייך האָט ער חרטה און באַפעלעריש ער זאָגט:
דאָך לייגט נישט דאָס געווער — צ׳ איך געהער די נאַכט,
און אלע בייזע שעהן איידער נאָך עס טאָגט —
שטייט גרייטע אויף דער וואַך —

עס וועט נאָך ארבעט זיין!
נאָר די זומער־נאַכט איז קורץ און טויטע זעגען בלינד,
איידער וואָס און ווען, קומט אָן די מאָרגן־שיין —
און ווי א בייזער חלום אלץ ארום פאַרשווינדט.

די פרייד פון אונדזער וואָך

ווי קערנער אין דער טיף פון ערד,
איך זע די פרייד אין אונדזער וואָך.
דערפאַר איז ליב מיר יעדער יאָך
און יעדער אָנשטרענג איז מיר ווערט.

אויף האַרטע שוואַרצע גרודעס ווי
איך זע דעם יונגן גרינעם גלי
און וויים: ס'אונדזער שווערע מי,
ס'איז אונדזער שווערער פרי־פאַרזיי.

אין רושטאָוואַניעס זינגט די שטאָט,
אין גרינעם שפּראָץ — דער ווייסער צווייט —
דעם שיינעם ניגון פון מיין ליד,
דעם הייסן ריטם פון מיין בלוט.

דערפאַר, ווען שטורעמס אויף מיין פעלד
באַפאַלן פּלוצעם זאַנג נאָך זאַנג,
איז אויך דורך שטורעמס מיין געזאַנג
איך הער פון טיפעניש קוועלט.

ווייל יעדעס האַרץ פאַרמאָגט זיין מאָס.
און יעדעס האַרץ פאַרמאָגט זיין גרייט,
און ס'קען אויך טרויער זיין מיט טרייסט
און ליבשאַפט שטאַרקע מיט פאַרדראָס.

אין טיפן קעלער פון מיין פיין,
אין פאַלדן גראָע פון מיין קלייד,
איך זע אויך יום־טוב־טעג פאַרגרייט,
איך זע אויך פינקלען עמערס שיין.

עס גענעצט...

עס גענעצט, אַז אין מיט פֿון אַ שטראָמיקן טייך,
וואָס פֿליסט צו דעם ים,
טוט פּלוצעם אַ כוואַליע אַ שלאָג אין דער הייך —
אַ שוימיקער פֿלאַם —
און שליידערט דעם שווימער צום פֿינצטערן דעק.
צי זאָל מען דעריבער דאָס שווימען אויפֿהערן
צום ליכטיקן ברעג?
נישט אַלע עס טוט דאָך די כוואַליע פֿאַרצערן.
פֿון שווימער אַ סך
בלייבן בלויז איינצלנע איבער,
די אַנדערע שטייגן די כוואַליע אַריבער
און שווימען פֿאָרויס מיטן שטראָמיקן טייך.

„לוניק II“

און אַזוי איז געוואָרן פאַרווירקלעכט דאָס שיינע לבנה׳קע ליד,
ווו ס׳האָבן פאַרליבטע אויף זילבערנעם טעפּיך געקניט
און טרייהייט געשווירן —
עס איז נישט געגאַנגען די שבועה פאַרלוירן!
די, וועלכע האָבן דורך יאָרן
די טרייהייט אין האַרצן געטראָגן
און מיד נישט געוואָרן;
די וועלכע האָבן דעם גלויבן אין ט אָ ג ן
אויף רייד נישט פאַרביטן;
די, וועלכע האָבן דעם חלום פאַרהיטן
און ווייטער געשפּונען —
די האָבן איצט דעם באַשייד פון דער שבועה געפונען.

ווי לאַנג, אַז עס האָבן די טאַטעס ביי חלב׳נע ליכט
דערקענט אין איר שיין דאָס געזיכט
פון יהושע בן־נון,
און דריי מאָל געשפּרונגען צו איר,
און דריי מאָל געהייליקט איר נאָמען?
עס האָבן די טאַטעס די טרייע נאָך דאַן נישט געאַנט,
אַז די, וואָס פאַרהאַלטן דעם לויף פון דער זון,
וועלן צום דאָזיקן לאַנד
אפילו דורך שפּרינגען נישט קומען.

ערשט זייערע זין —
מיט וואָכיקן גאַנג און פשוטע רייד,
מיט הערצער פאַרטרויט
אין ליכט פון באַגין,
און אומעטום גרייט
אויף לעבן און טויט
אין הייליקע שטרייטן ארוים
פאַר דעם גאַנג פון די צייטן פּאָרוים —
ערשט זיי האָבן איצטער דאָס וואונדער געבוירן — — —

און אַזוי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דאָס שיינע לבנה'קע ליד
וואו ס'האָבן פאַרליבטע אויף זילבערנעם טעפּיך געקניט
און טרייהייט געשווירן.

אַ הימן דעם פֿאַרשטאַנד

אָט איז דער געדאַנק ווי אַ זילבערנע פֿייל
אין אין־סוף אַוועק,
מיט זון זיך באַהאָפֿטן אויף שטענדיק,
און געלאָזן דאָס הארץ אין זיין קאַלטן געאייל
אויף דעם איינזאַמען ברעג,
ווו אַלץ זיך אין טרויער פֿאַרענדיקט.

זינגען אַלע אַ הימן דעם פֿאַרשטאַנד,
וואָס האָט זייער טרוים אין אַ שטערן צעגליט
אין ענדלאָזן רוים,
און ווי אַ בעטלער פֿון לאַנד צו לאַנד
וואָגלט פֿון האַרצן דאָס גליאיקע ליד,
וואָס האָט אין בענקשאַפֿט געבוירן דעם טרוים.

עס טרעפט נאָך אַזאַ שעה

עס טרעפט נאָך אַזאַ שעה:
אַ לויטערע געבענטשטע רו,
ווי שטילקייט נאָך געוויטער,
אין האַרצן זיך צעהעלט
און דינער ווערט און שיטער
דער נעפּל וואָס פאַרשטעלט
די שיינקייט פון דער וועלט.

דאָס אויג דערזעט:
דעם ציטער־שיין פון ווייטסטן שטראַל,
וואָס ציט מיט בענקשאַפט זיך צו אונדזער ערד,
די פעדעמלעך פון ליכט
אין יעדער שאָטן־נעץ
און דעם טרויער אין געזיכט
פון לאַכנדיקן ליץ.

דאָס אויער הערט:
דעם פאַרביקן געזוויש פון בלעטער־פאַל,
דעם פריילעכן געדראַנג
פון פאַבריקן רויך
און דאָס איידעלע געזאַנג
אין וויטן טיפן הימל־בלאָ
פון די שטערן אין דער הייך —
עס טרעפט נאָך אַזאַ שעה.

אַ לעגענדע.

אויף זאַמדיקער שוים
דורך שטעכיקע גראָזן געהיט,
פון קיינעם געזען,
פון קיינעם דערקענט,
ליגט אַ פינצטערער שטיין
ביי דער זייט פונעם וועג.
און אין שטיין ווי אַ שטראַל —
אַ געפאַנגענער זילבערנער קוואַל.

יאָר איין און יאָר אויס
מיט פאַרחלשטע טריט,
מיט דורשטיקע ליפּן פאַרברענט,
גייען אַהין מײַנע טעג,
און פון העלן קאַיאָר ביז דעמער-ליכט גראָען
זיי רייסן די גראָזן אַרויס
מיט הוילע צעבלוטיקטע שעהן.

דאָס דויערט שוין לאַנג,
יאָרטויזנטער באַלד.
די טעג ווערן קראַנק,
די טעג ווערן אַלט.
נאָר אין האַרצן דעם גלויבן זיי טראָגן,
אַז אין איינעם אַ שיינעם באַגינען
זיי וועלן צום שטיין זיך דערשלאָגן
און דעם זילבערנעם קוואַל דאָרט געפינען.

דער ברענענדיקער דארן

אין דער דאָזיקער נאַכט

אין דער דאָזיקער נאַכט — — —

קומען שאָטנס צעשראָקענע אָן
פון אַלע פיר עקן פון לאַנד,
קומען אָן זעקס מיליאָן
מיט צייכנס פון ליידן און שאַנד.

און באַזעצן די גאַסן פון שטאָט,
די פּלעצער, די פּאַרקן, דעם מאַרק,
און מיט זיי דער געהאָנגענער גאָט
מיטן הייליקן קריין אויפן קאַרק.

פון שאָטן צו שאָטן ער גייט
מיט מידע צעפּלאָנטערטע טריט.
זיין בליק איז מיט גרויליקן פאַרוויט —
אַ קראַנקער, צעבראָכענער ייד.

נאָר פּלוצים דערזעט ער מיט שרעק:
די שאָטנס — דאָס איז ער אַליין,
אין אים איז דער בלוטיקער וועג,
אין אים איז דער ים פון געוויין.

דאַן לעשט ער דאָס הייליקע רייך,
און שליידערט דעם קרייץ פון זיך אָפּ,
און לייגט זיך מיט אַלע צוגלייך
אין שוואַרצן, געמיינזאַמען גרוב.

און באַגין — — —

ווען אין בלאָלעך־פּאַרטאָגיקער שיין
עס וועקט זיך פּאַמעלעך די שטאָט — —
ביים דענקמאָל פון רום און פון פּיין
ליגט טויט דער געקרייציקטער גאָט.

עס האָט די צייט זיך אָפּגעשטעלט...

עס האָט די צייט זיך אָפּגעשטעלט ביי אייך —
און אַלע שפּעטערדיקע טעג
זענען אויסגעגאַנגען עלנט אויף דעם ברעג
פון ברוינעם טייך,

וואָס האָט אין ווילדער שוים
דערטרונקען אייער שטיל געוויין
און אייער הייליקן געביין
געשליידערט אין דער פינצטערניש פון תהום.

פון דעמלט אָן איך צייל די יאָרן שוין נישט מער
און דויער בלויז אין אייער צער
און ווייס: דאָס לעצטע בלאַט אין קאַלענדאַר
אויף אַלע אייביקייטן אייך געהער.

עס וועט קיין ציילונג מער נישט זיין —
אַלע יאָרן וועלן קרייזן בלינד אַרום
און אַלע דורות וועלן בלייבן שטום
אין אָפּגרונט פון אייער פּיין.

ווי קענען פייגל...

ווי קענען פייגל פליען
איבער אָשוויענטשימער ערד?
און מיט קינדער־בלוט גענערט
ווי קענעןביימער בליען?

עס רייסט דער בליץ די שוואַרצע הימלען אויף
און צינדט אַ רגע אָן דעם גאַנצן רוים —
מיין וואָרט איז שטום און שטאַמלט קוים
און גייט דעם וויטיק נאָך — אַ בלינדע שאַף.

עס זאָל כאָטש איין מאָל פאַלן ווי אַ שטיין
אויפן מערדערס וועג
און אַלע זיינע טעג
פאַרלעשן מיט דער שרעק פון אונדזער היים!

עס זאָל כאָטש איין מאָל זיך צעגליען אין אַ פלאַם
און פאַר דער גאָרער וועלט אַנטפּלעקן אין דעם ליכט
דעם קין־צייכן אויף זיין בלוטיקן געזיכט
און אונדזער טרערן־ים!

נעכט

נעכט פון מיינע קינדערישע שטעטלשע חלומות,
צעפּיבערטע פון הייסע און פאַרנעפּלטע באַגערן —
עס האָט מיין האַרץ אייך אָנפאַרטרויט אַלע מיינע סודות,
אַלע מיינע לידער פלעגן אייך געהערן — — —

פארוואָס זשע האָט איר אויסגעגעבן
אַלע מיינע טייערע
אין די הענט פון מערדער
פאַר די בייזע פייערן,

פאַר די ווּיסטע תּליות,
פאַר די שוואַרצע גריבער —
פאַרוואָס האָט איר נישט איינגעהילט
אין חושך אַלע שטיבער,

מיט געדיכטע נעפּלען
נישט פאַרמעקט די וועגן —
פאַרוואָס האָט איר מיט שטערן־ליכט
דעם שונא נאָך באַגעגנט,

מיט לבנה־שיין, ווי טהרה־וואַסער,
געוואַשן אונדז די שויבן,
עס זאָל אים ליכטיקער און גרינגער זיין
צו מאָרדן און צו רויבן —

פאַרוואָס האָט איר צום תליון
מיינע טייערע פאַראַטן —
די מאַמעס און די שוועסטערלעך,
די ברידער און די טאַטעס — — — —

נעכט פון מיינע קינדערישע שטעטלשע חלומות,
צעפיבערטע פון הייסע און פאַרנעפּלטע באַגערן —
ווען זאָל איך אָנפאַרטרויען איצטער מיינע סודות,
ווען זאָל מיין טרויער־ליד דאָס לעצטע איצט געהערן?..

אין פייער־שיין

אין פייער־שיין אַרומגענומען
ווי דער חומש־דאָרן,
וואָס האָט אין מדבר־לאַנד געברענט
און נישט פאַרברענט געוואָרן —

איך בין צו אייך געקומען.
פון מיליאָנען — איינער.
געהייליקט און געשענדט.
אַ פאָלק אַ גאַנץ און — קיינער.

איר האָט באַגעגנט מיך מיט בייזן ברומען,
מיט שרעק פאַרטאַיעטער און שנאה —
דאָס האָט איר אייער גאָט אין מיר דערקענט
און געוואָלט פון אים אַנטרינען.

איר האָט געטראַכט: די וואַסערן פון ווייסל וועלן שטומען,
עס וועלן שווייגן אויך די כוואַליעס פונעם רהיין —
נאָר ס'האָט דעם שפור פון קין־מאָרד דער מבול נישט פאַרלענדט,
און לאַנג געזאָטן האָט דאָס בלוט פון נביא און נישט געוואָלט
פאַרגיין.

* * *

ווי פֿל רגעס אין אַ שעה, ווי פֿל שעהן אין אַ נאַכט? —
גראָען שפּינוועבס וועבט דער שלאָף
אין מיין מידן קאָפּ, נאָר מיין האַרץ איז וואַך —
ערגעץ ווייט אַ פֿויגל רופֿט.

איך דערקען דאָס קול —
אַ קינד אַן איינזאַמס קלאָגט.
כ'האָב עס שוין געהערט אַמאָל:
אַ בייזער ווינטער האָט געיאָגט

איבער גאַסן אומגעשטערט,
איבער פֿאַלנדיקע ווענט,
און ס'האָט זיך שווער געוויגט די ערד,
און דער הימל האָט געברענט.

נאָר אין מיטן פֿונעם בראַנד
אַ געיאָמער פֿון אַ קינד —
אויף אַ לעצטער רויכערדיקער וואַנט
האָט אַ פֿויגל שטיל געזאָגט קדיש פֿאַרן ווינט.

פֿרילינג

איבער וואַרשע
הענגען פֿרילינגדיקע טעג,
ווי גאָלדענע בלעטער,
אויף די ראָגן גליען רויטע קאַרשן.
ביימער ברענען גרין ביים וועג,
וואָס פֿירט צום שטיין פֿון געטאָ.

אָונט קומט אַ שטילער טרויער
פֿון דעם ווייסל־ברעג צו שווימען,
גליווערט איין אין נעפּל אויף די שויבן.
אויף אַן אויסגעברענטן מויער
נידערן ווי מן פֿון הימל
ווייסע טויבן.

וויל נישט קיינער מער דעם יאָמער פֿון די שאָטנס הערן,
פֿאַרגעדענקען די פֿאַרשיטע קברים,
קיינער וויל זיי נישט דערמאָנען —
צווישן בלאָנדזשענדיקע שטערן
שטייט מיט ווינט געאָרעמט
די מצבה אויף מיליאָנען.

צו גאַסט אין אַ שטעטל

עס זיצן נאָך שבעה די מאַרקן.
ווי קריעס אויף טונקעלע טייכן,
עס שווימען די טעג אָפּ אין טרויער.
די נעכט זענען פולע מיט שרעקן,
מיט רוישן און שאָטנס געהיימע.

אין אַלטע פאַרוואָרלאָזטע פּאַרקן
עס זענען פאַרהיט נאָך די צייכנס
פון מאָרד און פון פינצטערן לויער,
די צווייגן ווי תליות זיך שטרעקן,
פאַרשטאַרטע נאָך שטייען די ביימער.

ביי ליימיקע בערגלעך און גריבער
אויף עלנטע שטעטלשע וועגן — —
איך שפיר ווי אַ הונט נאָך די ריחות
פון לייבער פאַרקילטע אין גרוילן,
פון גליווערדיק בלוט און פון טרערן.

אין וועלדלעך פון ווינטן צעפיבערט
מיר גייען געשפענסטער אַנטקעגן
מיט אייביקן יאָמער פון „איכות“,
מיט אויגן ווי גליאיקע קוילן,
מיט פלאַמיקע קרייצן אויף שטערנס.

פון שוידער זיך וואַקלט מיין זינען.
נאָר פּלוצעם — די בילדער פאַרשווינדן,
איך איינער בלויז בלייב אויף צו היטן —
ביז וואַנען כ׳פאַרלעש אַלע שויבן,
ביז וואַנען כ׳פאַרשליס אַלע טירן.

און שפּעטער אין גנאד פון באַגינען,
ווען ביימערשע קרוינען זיך צינדן —
אַ פרעמדער כ׳בלייב שטיין אין דער מיטן,
און ס׳פירן די הימלען פון אויבן,
און ווינטן די טריט מיינע פירן.

שוואַרצע וואָלקנס רויך

דער ווײ פון אונדזערע דערשטיקטע טעג
האָט אָפּגעשטעלט די צײַט,
ווי ס׳שטעלט אַן אָפּגרונט אָפּ דעם לויף פון וועג,
ווי פינצטערניש פון נאַכט פאַרמעקט די ווײַט —

אויף ערד, וווּ ס׳ברענען קינדער לעבעדיקערהייט,
איז קיין פרייער און קיין שפּעטער מער נישטאָ.
אַ בילד אַזאַ פאַרבלייבט אויף אייביק דאָ,
ווו נאָר איין מאָל עס געשעט.

און איבער יעדן שליאַך,
אונטער אַלע הימלען אין דער הויך,
אין דעם שפּיגל פון אַ יעדער טײַך —
ציען שטענדיק שוואַרצע וואָלקנס רויך.

אויף אייביקן דערמאָנען

ווי צוויי פלאַמען פון נקמה
איבער חורבות טויטע,
האָבן אויפגעהעלט צוויי פאָנען —
אַ ווייס־בלאָע און אַ רויטע.

אין דעם בלוטיקן געראַנגל,
אין דער טויטן־נעץ פאַרשפּונען,
האָט אַ ברודער מיט אַ ברודער־
זיך אין צער געפונען.

זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען:
בלאַסע שאָטנס אַלע טענות —
ס'איז איין פאָלק פאַראַנען
און אַלעמענס די פּיין איז.

אַן איבעררוף פון דורות
פאַר דעם עם קשי־עורף,
כאָטש אַנדערע די צייטן
און אַנדערע די תורות,
נאָר ווי ענלעך איז דער גורל.

און דאַן איז דאָס געשען —

ס'האָט אַ פונק אַ קליינער
איבער ימים טרערן,
איבער בערג פון ביינער,
אויפגעפלאַקערט אין אַ שטערן.

און איבער חורבות טויטע
האָבן אויפגעפלאַקערט צוויי פאָנען —
אַ ווייס־בלאָע און אַ רויטע —
אויף אייביקן דערמאָנען.

אויפשטאַנד

עס ברענט דאָס געטאָ גאַס נאָך גאַס,
אַלע שטיינער זענען רויט צעגליט,
אַלע ביימער פלאַקערן פון האַס,
און אין סאַמע מיט,
אין דער זינקענדיקער שטאָט,
אין דעם פייערדיקן ים —
געטריבענע פון שפּאָט,
אַרומגערינגלטע פון פלאַם.

נאָר פּלוצעם —
אויף דער ברענענדיקער ערד,
אין מיט פון יאָמער און געוויין —
אַ שטאָלצער רוף,
ווי אַ בלאַנקענדיקע שווערד,
שניידט דורך די לופט.
איבער געטאָ זיך צעשיינט,
ווי שטערן אות נאָך אות:
פאר אונדזערער און אייער פרייהייט!
פון יידן־גאַס הילכט אָפּ דער ערשטער שאָס.

דער מערדער הינטער חורבות זיך פאַרטאַיעט.
און פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד —
אַ בשורה ווי אַ גלאָק צעווייגט:
עס האָט מכבי זיך באַוויזן ביי דער געטאָ־וואַנט
און שטאַרבנדיק געזיגט.

אין אַ יום־טוב־טאָג

ס'איז יום־טוב היינט אין לאַנד —
אין אַלע פענצטער בליִען בלימען,
אויף אַלע דעכער פאָנען־פלאַם,
אַ גלאָק אַ גאָלדענער די זון אין הימל.

ערשט נישט לאַנג האָט שונא'ס טראָט
פאַרזייט דאָ קברים און רואינען,
איצט וואַקסט אַ יונגע שטאָט,
אַ רחבותדיקע, גרינע.

און דרייסט דורך אַלע גאַסן
שטראָמט דאָס שיינע יוגנט־ליד,
און אַלע ברייטע טראַסן,
און אַלע ווייסע בלאָקן — זינגען מיט.

אַזוי איז שוין באַשערט:
פאַר יאָרן פינצטערניש און גרוילן,
פאַר וויסטער אויסגעבריגנטער ערד —
דאָס ליד פון פרייען פוילן.

כ'גיי פאַרשיכורט נאָך דעם רוישיקן געזאַנג,
זיין יונגן ריטם כ'ענטפער איבער מיין געביין,
נאָר טיף אין האַרץ אַ טרויער־ניגון צאַנקט
און ס'נאָגט אין בלוט אַ שטום געוויין.

אַ טויב פֿאַרוואונדעט — וואָרקעט שטיל די העלע שעה,
פֿון אַלע חורבות שווימען מחנות שאָטנס אָן —
איך שליס אין אַנגסטן מיינע אויגן צו,
אַ שטים אַ ווייטע רופֿט מיין נאָמען אָן:

ווען קיינמאָל שוין נישט מיידן אונדזער פּיין
און אונדזער אָנבליק וועט באַגלייטן דיך שוין אַלע טעג,
אין גרויזאַמען געפּעכט פֿון שאָטנס און פֿון שיין
עס וועט אַ וואָלקן־זייל פֿאָרויסגיין דיר אין וועג.

איז ווי זאָל איך אַצינד
די פֿרייד פֿון טרויער אונטערשיידן?
מיט פֿעדים בלוטיקע פֿאַרשפּינט
זיי ווינען אין מיין האַרצן ביידע

איבער אַלטע רויבער־שלעסער

איבער אַלטע רויבער־שלעסער,
אונטער הימלען דייטשישע אָן שטערן,
גייען ווידער טעג אויף — בלאַנקע מעסערס,
פאַלן ווידער נעכט צו ווי פאַרשווערער.

איינגעהילט אין ווייסע שלייערס,
הינטער פרומע מאַסקעס פון באַדויער,
נייע בלוטיקע קאָמאַנדאָס גייען,
שטרייכערס חיל ווידער לויערט.

אין די בליקן שייטער־בראַנד פון נעכטן,
אין די הערצער קרייץ פון שוואַרצע ריטער —
אַכטונג אַלע טרייע וועכטער!
אַכטונג אַלע טרייע היטער!

לעבן טייכן בלוט מיר זענען ערשט געזעסן,
לעבן בערג פון אַש מיר האָבן ערשט געשווירן:
ווער עס וועט אין זייער פיין פאַרגעסן,
זאָל די רעכטע האַנט אים גיין פאַרלוירן!

ווער עס וועט דעם מערדערס נאָמען
איבער אַלע צייטן נישט פאַרשעלטן,
זאָל די צונג אים קלעפּן צו דעם גומען,
זאָל ער זעלבסט פאַרשאָלטן זיין פון אַלע וועלטן!

די שטראָף

האָסט אָפּגעריסן אַלע מײַנע בלעטער,
האָסט אָפּגעשניטן אַלע מײַנע צװײַגן,
צום סאַמע שטאַם זיך מיט דײַן האַק פֿאַרקליבן —
און זע: איך בין געבליבן,
און פֿרישע זאַפֿטן פֿון די װאָרצלען שטײַגן,
און זון אױף מײַנע אַקסלען קלעטערט.

איך װײס, און אַלע װוּנטן מיר דערמאָנען —
װי אַ שלאַנג פֿאַרטאַיעט אין איר נאָרע,
דו ליגסט נאָך אַלץ צונױפֿגעקנױלט אין לױער.
נאָר ס'שטײט אַ װאַך אַ גרײטע בײַ דעם טױער
מיט בליקן ניכטערע און קלאָרע,
און די װאַך איז — הונדערטער מיליאָנען.

װעט דער גיפֿט, װאָס זאַמלסט אין די װיסטע היילן,
דיך אַליין פֿאַרברענען אין זײַן פֿײַער,
דיך אַליין אױף אַש און שטױב צעמאָלן.
און דאָס װעט זײַן דער גרױסער טאָג פֿון צאָלן
פֿאַר אַלץ, װאָס איז געװען אונדז אַזױ טײַער —
די גרױסע שטראָף, װאָס װעט דיך נישט פֿאַרפֿעלן.

ביבליש

אויב פון פופציק וועט אַ העלפט בלויז בלייבן,
אַ העלפט, וואָס האָט דעם גלויבן נישט פאַרלוירן,
אַז ס'וועט דער טאָג די שאָטנס נאָך פאַרטרייבן —
וועט די העלפט דאַן ווייטער דויערן.

און אויב פון וואַקלעניש און פיין צעריסן,
פון אַ רעשט, וואָס האָט דעם מוט געמיטן,
וועט בלויז אַ דריטל זיך באַשליסן —
וועט אויך דאָס דריטל זיך פאַרהיטן.

און אויב — איך וויל מיין אומרו נישט באַהאַלטן —
עס וועט די קייט פון דורות ווייטע
אַ רינג אַ קליינעם בלויז דערהאַלטן —
דאַן וועט דער רינג זיין כולל אַלע צייטן.

מרידה

מ ר י ד ה

ווער האָט אויסגעמישט פאַר מיר מיט בלינדקייט אַלע ווייטן
און אין בלינדקייט מיר באַפוילן שטאַרבן?
ווער האָט מיך באַשטימט אַלס איינציקן דערלייזער איבער אַלע צייטן
און אויסגעוויילט פאַר דערנער־קראַנץ מיין ברענענדיקן שאַרבן?

די קראַפט פון וויסן? דער פרייהייטס־שטורעם? —
אויף זייער שוועל איך ליג מיט דורשט־פאַרברענטע ליפּן,
און עס האַלדזט ארום מיך פּײַסט אַ ביינערדיקער אָרעם,
און עס ציטערן אין קלעם מיינע דאַרע ריפּן.

אויב שוין וויסן — טאָ זאָל אויך מיין געדאַנק
אנטקעגן אַלע הימלען וואגן,
און אויב שוין פרייהייט — טאָ זאָל אויך מיין געזאַנג
צו אַלע הייכן שטייגן!

צי קען דען אַ געבונדענער דורך אַלע קרומע וועגן
דאָס לאַנד פון גערעכטיקייט געפינען?
צי קען אַ שטומער דען מיט לידער גיין אַנטקעגן
דעם גילדענעם באַגינען?

צו פרייהייט גיין — הייסט אַליין זיין פריי,
און וויסן הייסט — די בחירה מיט געוואַלד־טאַט נישט פאַרווישן.
עס וויל נישט אויך דער מינדסטער טראָפּן בליי
מיט די איידלסטע מעטאַלן זיך פאַרמישן.

גליטשיק איז דער וועג פון יעדער פּשרה
און צביעותדיק די שלווה פון גן־עדן —
די שטים פון דורות רופט און וואָרנט:
אין פאַרלייקענונג נישט זוכן די אנטשיידונג.

כ׳מיש די בלעטער...

כ׳מיש די בלעטער — מיינע גילדענע קאַיאָרן,
רויט־צעצונדענע פון זוניקע באַגערן,
ציטערדיקע כוואַליעס פון געפאַרן,
אויפגעבליצטע בלאָנדזשענדיקע שטערן —
אין די שטורעמס
כ׳בין מיט זיי געגאַן געאָרעמט,
אין די צייטן פון נסיונות
דורך די נעכט די שוואַרצע
כ׳האָב זיי אויסגעכאָוועט אין מיין האַרצן
פאַר געוואַגטקייט קעגן שונא.
אויף די לאָנקעס פון מיין חלום
כ׳האָב מיט גלויבן זיי געפיטערט
אויף צו בלייבן טרייע היטער
אין די צייטן אויך פון שלום.

כ׳מיש די בלעטער — מיינע גילדענע פרימאָרגנס —
וויפל יאָרן נישט דערשלאָפן, וויפל וואָכן נישט דערעסן,
וויפל אומרו, וויפל זאָרגן,
וויפל נע־ונד מעסלעסן —
כ׳האָב זיי סוף־כל־סוף דערטראָגן
צו דעם רייפן טאָגן,
ווען די שאָטנס זיך צעלויפן
פון די בערג און פון די טאָלן,
און געשפּענסטיקע אַמאָלן

אויף די ראָגן זיך פֿאַרקויפֿן —
זאָל אַצינד מײַן פּייפל
מײַנע טעג פֿאַרווײַגן
אויף אַ פּוסטן הײגל
מיט אַ ניגון פֿאַרן טײַוול?

כ'מיש די בלעטער — מײַנע גילדענע פֿאַרטאָגן
כ'האָב מיט שטורעמס זיך געאָרעמט,
נישט קיין ווינטן צו דעריאָגן,
נישט צו קלאָגן איבער קבֿרים.
מיט געפֿאַרן זיך געבֿרידערט,
נישט פֿאַר אַבלדיקע לידער.
ווען די זון באַלײַכט די וועגן,
זאָל מײַן פֿענצטער זיך נישט שליסן.
ווען אויף פֿעלדער זינגט דער רעגן,
זאָל מײַן גאָרטן אויך געניסן.
און מײַן בוים זאָל זיך צעבליִען
און צעוואַקסן און צעצווײַגן
און מיט אַלע ביימער שטײַגן —
כ'מיש די בלעטער... און די שורות גליִען, גליִען.

פליט אַ טויב אַ ווייסע

פליט א טויב אַ ווייסע צווישן שטורעמדיקע כוואַליעס
און פון מידקייט זיך פאַרברעכן אירע פליגל —
אונטער איר די ערד מיט אייז פאַרזיגלט,
איבער איר דער הימל קאַלט איז ווי אַ תלין.

ס׳וויל דער פרילינג נישט פאַר איר צעגרינען,
זיינע גריזן — קנאָספּן איינגעפרוירענע אויף צווייגן —
פרווט אַ בלימל צו דעם הימל שטייגן,
פאַלט עס אום פאַרשמאַכט אין פראָסטיקן באַגינען.

יאָרן טויזנטער איר פלי שוין דויערט,
ווי חלפים אַלע ווינטן איר אַנטקעגן —
אויף איר טויבן-נעסט ביי שיידעוועגן
שנאה ווי אַ שפּאַרבער לויערט.

אַלע פייגל זאָגן שירה אין פרימאָרגן,
טובלען זיך אין זייערע רויטע ליכטער —
אין דער טויבן-נעסט ווינען שטומע דיכטער,
בייזע ווינטן האָבן זייער ליד דערוואָרגן.

ווער זשע זאָל אַצינד די זון באַזינגען
און די נייע יונגע בליטן?
ווער זאָל איצט דאָס ליד פאַרהיטן
פון די בראַנד-פאַרברוינטע יינגען?

דער יונגער בוים

ווייל ליב איז מיר דער יונגער בוים
און ווייל זיין גרינע צווייג
האָט פייערלעך צעבליט זיך אין מיין הארצן,
איז מיר אומעטיק אַזוי,
וואָס אויף זיין העכסטן שפּיץ אין רוים
האָט אויפגעבויט אין אָונט־גרוי
איר שטייג
אַ קראָ אַ שוואַרצע
פאַר דעם שטאָלצן, פרייען סאָלאָוויי,
דעם באַרד פון אומרו און פון ליבע,
און דעם פראָסטן האָרעפּאשנעם וואָראָביי
אין שטומענלאנד פאַרטריבן.

ס׳האָט מיין חלום דאָס אַזוי באַנומען

דאָס רויטע ליכט
האָט אויפגעהעלט פאַר מיר נישט אומגעריכט,
פון זיין גליענדיקן בלענד
כ׳האָב מיין בליק נישט אָפּגעווענדט —
איך האָב געוווּסט: דער שווערער וועג
געבוירן האָט די הארבע טעג
און באַשטימט דעם זין
פון זייער מידת־דין.

כ׳האָב אויך ביי מיינע פיינט געמאָנט
אויג פאַר אויג און צאָן פאַר צאָן,
און ביי מיינע פריינד —
אַלע פריידן פון דעם היינט.
און אין דער גרויסער שלאַכט
מיט פינצטערניש פון נאכט,
מיט אומרעכט און מיט רויב —
כ׳האָב אין זיג געגלויבט.

נאָך ס׳האָט מיין חלום דאָס אַזוי באַנומען:
נאָך דעם אַלעם
וועלן ווידער טעג פון חסד קומען

און ליבשאַפט וועט פון אַלע הערצער שטראַלן
אויף יעדער נעסט פון פּיין,
אויף יעדער שוועל פון טרויער,
ביז אין פרייד פון אייננשיין
וועלן זיך צעבליִען אַלע הייזער גרויע,
אַלע גאַסן שטומע.

ס׳האָט מיין חלום דאָס אַזוי באַנומען.

נישט דאָס איז דאָס ליד

נישט דאָס איז דאָס ליד,
וואָס מיין האַרץ האָט דערהערט,
נישט דאָס איז דאָס וואָרט,
וואָס געבריט האָט מיין ליפּ,
נישט דאָס איז דאָס בילד,
וואָס מיין פּיין האָט פאַרהיט —

דער גיפט פון דעם אמת זאָל זיין נישט פאַרוועוט,
און קיינמאָל און קיינעם נישט ווערן געשפּאָרט,
נישט זיין מער סערווירט דורך אַ גילדענער זיפּ,
נישט בלענדן פון ווייט ווי אַ נאַקעטע שילד —
דאָס איז דאָס ליד, וואָס מיין האַרץ האָט באַגערט.

* *
*

אָט זענען אַלע מײַנע אױסגעפּרוּװטע יאָרן —
צװײַגן אױסגעװאַקסן פֿון אַ האַרטן שטאַם.
שטורעמס האָבן איבער זײ געצאָרנט,
זונען האָבן איבער זײ געפֿלאַמט.

אין טריקענישן האָט דער הימל זײ געשפּאָרט דעם רעגן,
אין היצן האָט קײן שאָטן זײער פּײַכטקײט נישט פֿאַרהיט,
בלױז דער קװאַל געװען איז זײער אײנציקער פֿאַרמעגן
און די װינטן זײער אײנציק ליד.

יעדער פֿרילינג איז צו זײ געקומען מיט באַנײַונג,
אינעם גרינעם קנאָספּ האָט געצײַטיקט שטיל די פֿרוכט פֿון גליק.
זײער חלום האָבן זײ פֿאַר קײנעם נישט פֿאַרטאַיעט —
אָפֿענע פֿאַר יעדן נײַגעריקן בליק.

צי קען אַ קריפּל־דאָרן איצט דעם הימל זײ פֿאַרשטעלן,
מיט זײַן ביטערניש פֿאַרסמען זײ די לופֿט?
אָ, יאָרן מײַנע ציטעריקע און העלע,
צװישן אַלע שװערע פּרוװן זאָל עס זײַן שױן אײער לעצטער פּרוּװ.

צו מיין זון

פון וועג
אין מיינע אָפּרו־טעג
כ׳האָב געבראַכט פאַר דיר, מיין זון, אַ ווונדערלעך געשאַנק:
אַלע שיינקייטן פון אונדזער לאַנד —
בערג, וואָס לערנען טראַכטן אין דער שטיל,
טייכן, וועלכע יאָגן זיך צו זייער ווייטן ציל,
און ווערן גאָרנישט מיד,
שטילקייט ווירדיקע פון ביימער ערב האַרבסטיקן פאַרגיין —
נאָר כ׳האָב דאָס אַלץ פאַרשריבן אין מיין יידיש ליד —
צו וועסטו דאָס פאַרשטיין?

כ׳האָב אומעטום געזען:
ווי ס׳רעדט מיט ליבשאַפט זיך צונויף
דער פויגל מיט זיין קינד,
ווי יעדעם חיהלע כאַפּט אויף
זיין טאַטע־מאַמעס רוף געשווינד,
ווי צווייגן, וויגנדיק זיך אין אַ גרינעם פלאַם,
הערן איין זיך אין דעם זאַפט־רויש פון זייער שטאַם
און ווי יעדע כוואַליע אויפן טייך
אין איר שפּילעוודיקן וואַנדער

פליסטערט שטיל צו דער אַנדערער
אויף איר שוימיק־ווייכער שפּראַך —

כ׳האָב דאָס אַלץ אליין געזען —
וואָס־זשע זאָל איך טון,
אַז אויכעט דו, מיין זון,
זאָלסט מיין יידיש ליד פאַרשטיין?

ווען אויסגעלאָשן

ווען אויסגעלאָשן האָט זיך אין מיין האַרצן די לעגענדע וועגן רייזן
און גליִענדיקע קוילן האָבן מיינע ליפּן דורשטיקע באַרירט,
האָט גאָט צו מיר זיך אין דעם ברענענדיקן דאָרן נישט באַוויזן
און זיין פייער־זייל האָט צום אויסגעבענקטן לאַנד מיך נישט דערפירט.

קוואַל נאָך קוואַל האָט אויסגעטרוקנט צווישן זאַמדן אין פאַרשוווּנדן,
אָאַזיסן־מיראַזשן זענען ווי די נעפּלען זיך צעשוווּמען,
און אין יעדן אָוונט — מיינע האָפענונגען איבערבינדנדיק ווי וווּנדן —
כ'האָב דעם וועכטער פון דער נאַכט געזוכט און נישט געפונען.

דאַן האָב איך ווי אַ קינד מיין חלום אויף די הענט גענומען
און אָנגעזויגן מיט מיין ליד, וואָס איז אין בלוט געבוירן,
ביז אַלע שאָטנס האָבן מיר באַפוילן שטומען,
ביז איך אַליין האָב זיך אין שאָטן־לאַנד פאַרלוירן.

און דאָך...

און דאָך... וויפל טרויערן
עס זאָלן איבער מיר נישט רוישן, רוישן —
כ׳וועל אין גלויבן מיינעם דויערן
און דאָס יוגנט־ליד נישט טוישן.

און וויפל שווארצע שאָטנס
עס זאָלן נישט דעם טאָג פארשפינען —
כ׳וועל זיך מיט מיין הארץ באַראָטן
און דעם וועג צו אים געפינען.

און וויפל בייזע מענטשן
עס זאָלן מיר קיין שלעכטס נישט ביטן —
כ׳וועל די ליבשאפט בענטשן
און מיין טרוים פארהיטן.

און אויב פון שטרייט אַ מידער
עס טרעפט מיין טראָט זיך וואַקלט, וואקלט —
אין דער ריי ער שטעלט זיך ווידער
אין דעם ליכטיקן סאַכאַקל.

שאטנס

איך ווייס...

איך ווייס: דאָס ליכט,
וואָס האָט מיין ליד צעצונדן,
איז מיט שאָטנס נאָך פארבונדן,
און אומגעריכט —
עס קען געשען,
עס זאָל א זאַמד־געוויטער
פון דער מדבר קומען
און דאָס ליכט פאַרווייען,
און דאָס ליד פארשטומען
און מיך, דעם היטער,
בכוונה,
לאָזן פריי אין נעפּל שפּאַנען —
איך ווייס: אַזאַ סכנה
איז פאַראַנען.

און דאָך געשעט:
עס טרינקט מיין הארץ זיך אָן מיט שטורעם,
בונט פארשיכורט מיינע בלוטן,
און צעוואקלט אַלע טורעמס,
און צערודערט אַלע שאָטנס,
און זיך און אַלע אויף צעלאָכעס
כ׳נעם די לויכטנדיקע ווערטער,
אויסגעבענקטע און באַגערטע,
און צעברעך זיי ווי די לוחות.

שפּעטער קומען אַלע שפּליטערס זיך צוזאַמען,
פֿייגל אויסגעפּלאָשעטע פֿון נעסטן,
און זיי שטעלן אויס זיך ווידער
לויט די שורות, לויט די גראַמען,
און פֿאַרפֿירערישע לידער,
כּדי מײַן שיכּור האַרץ צו טרייסטן.

ביינאַכט אין וואַלד

ס'האָט היינט אין מיטן נאַכט
אַ צוג זיך ווילד צעשריגן פאַר מיין הויז
און אין פינצטערניש פאַרשווונדן,
נאָר דאָס געשריי האָט לאַנג געבלאָנדזשעט נאָך אַרום,
געטוליעט זיך צו יעדן בוים,
אין יעדער צווייג זיך אָנגעהאָנגען
און ווי אַ פלאַם געוויקלט זיך אויף מיינע ווענט.

כ'האָב לאַנג אין שרעק געוואַכט.
די שטערן זענען שטיל געפאַלן אין מיין שויס,
ווי טריפנדיקע ווונדן.
דער חושך האָט געגליווערט שטום —
אַ טיפער תהום —

און איינזאַם איז מיין שאָטן דורכן וואַלד געגאַנגען,
און כ'האָב אַליין אים נישט דערקענט.

אַ שטומער גלאָק

הענגט אין מיטן שטאָט אַ שטומער גלאָק
אויף אַ הויכן טורעם —
ווי לאַנג איז דען, אַז אָט דער גלאָק
האָט אָנגעזאָגט דעם שטורעם?

ווי לאַנג איז דען, אַז ס'האָט זיין קלאַנג
פאַרשיכורט אַלץ אַרום
מיט דרייסטן פריידיקן געזאַנג? —
איצט הוידעט ער זיך שטום

און זיין שאָטן ווי אַ יאָך
הויערט אויף די גאַסן שווער.
און אפשר קלינגט ער ווייטער נאָך,
נאָר קיינער הערט אים שוין נישט מער?

ווען ס׳האָט דער קעניג באַפוילן...

ווען ס׳האָט דער קעניג באַפוילן דעם דיכטער צו שווייגן,
האָבן אַלע ביימער אָפּגעשטעלט דאָס גרינען,
און אויף זייערע נאַקעטע צווייגן
האָבן די קנאָספּן איינגעדאַרט ווי טויטע שפּינען.

די פייגל האָבן אויפגעהערט צו זינגען,
די פרייע ווינטן האָבן זיך אין וואַלד פאַרטאַיעט,
בלויז אין אַלטע קלויסטערס האָבן גלאָקן זיך צעקלינגען,
ווי אויף איינזאַמע לוויות.

אין מיין אויסגעלאָשן הויז

אין מיין אויסגעלאָשן הויז
איך זיץ אַליין אין טיפֿער נאַכט געבויגן.
דרויסן שפּרייט אַ שאָטן־נעץ זיך אויס,
לעבן מיר מיין מוזע מיט פֿאַרווייניטע אויגן.

איר שטים איז טרויעריק. זי זאָגט:
נישט פֿאַרליר דיין קלאָרן זינען,
נאָך יעדער נאַכט דאָך קומט אַ טאָג
מיט זון אויף פֿעלדער גרינע.

אָ, מוזע מיינע, כ'האָב דאָס אַלץ באַזינגט,
אין מיין לעבן וויפֿל מאָל פֿאַרשטאַנען,
נאָר ס'האָט מיין פֿעלד שוין אָפּגעגרינט
און האַרבסטיק שטיל דאָרט אַלע גראָזן וויאַנען.

וואָלקנס

וואָלקנס האָבן מיך אין געפּאַנגענשאַפֿט גענומען.
פֿון דער ווייט איך הער פֿון פֿרילינג נאָך די שטים,
ווי אַ מדבר־וואַנדערער דאָס רוישן פֿון אַ קוואַל,
און דורך טריבע טעג און נעכט איך גיי צו אים —
און קען צו אים נישט קומען.

ביי גראָע טירן,
אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער און מידער,
כ׳וואַרט אָפּ דעם ערשטן מאָרגן־שטראַל
ער זאָל מיך ווידער
אין דעם לאַנד פֿון פֿרילינג פֿירן.

נאָר נעפּלען דעקן צו די וועגן,
ווינטן לעשן אויס די צייכנס,
רעגנס מעקן אָפּ אַ יעדן שליאַך
און פֿון נידערס און פֿון הייכן
קומט מיין שאָטן מיר אַנטקעגן.

און איך ביי גראָע טירן,
אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער און מידער,
שטיי אַ שטומער אויף דער וואַך
און וואַרט אויף דעם ערשטן מאָרגן־שטראַל
ער זאָל מיך ווידער
אין דעם לאַנד פֿון פֿרילינג פֿירן.

דאָס הויז פון אייז

זיין ליד האָט אויסגעכישופט וווּנדער —
אַ קרישטאָל־הויז
פאַר יעדערן באַזונדער
מיט זון — אַ בליענדיקע רויז
אין יעדן רחבותדיקן צימער,
אין יעדער שטוב דער קלענסטער —
און ס׳האָט מיט ווייסן צווייט געשימערט
זיין אויסגעדאַרטער בוים ביים פענצטער.

אַליין איז ער דורך טרויערן געגאַנגען,
דורך ווילדע שיכורע געזאַנגען,
אויף רויטן אש פון אייגן גליק,
אין ליכט פון ברענענדיקע טרוימען,
און בלויז דער גלויבן איז געווען זיין בריק
דורך אַלע לויערנדיקע תהומען.

נאָר ווען דער מאָרגנשטערן האָט געטאָן זיך אַ באַווייז,
מיט קלאָרער שיין געוואַשן זיינע טריט,
האָט פלוצעם אויפגעבלאַנקט פאַר אים אַ הויז פון אייז,
און אויף דער שוועל — זיין איינגעפרוירן ליד.

און כאָטש עס האָט אין דעם נאָך אַלץ געגליט
דאָס אויסטערלישע וווּנדער
פון אַ קרישטאָל־הויז

פאַר יעדערן באַזונדער
מיט זון — אַ בליענדיקע רויז
אין יעדן רחבותדיקן צימער,
און יעדער שטוב דער קלענסטער —
האָט מער קיין ווייסער צווייט שוין נישט געשימערט
אויף זיין אויסגעדאַרטן בוים ביים פענצטער.

אין אַ רעגנדיקן טאָג

דער טאָג — מיין זילבערדיקע סטעזשקע —
פירט נישט מער צום אָונטיקן פּאַרק
מיט די פייערדיקע בלימען.
ווי אַ רויכערדיקע האָלאָוועשקע
עס טראָגן אים אַרום שיכורים אויפן מאַרק
מיט כריפּלע הייזעריקע שטימען.

און די לבנהדיקע נאַכט —
דער בלאָער פויגל פון די קינדערשע חלומות,
דער זינגענדיקער טרויער פון מיין האַרץ —
ליגט פאַרשטאַרט אויף אַן אָפּגעברענטן דאַך
מיט אויסגעלאָשענע און קאַלטע קוימענס
און אירע צאַרטע פליגל זענען אָפּגעזענקט און שוואַרץ.

גייט אַ מענטש אַן איינזאַמער אַרום
אין דער גראָער מיט
פון אַ זאַמדיק שמאָלן ברעג
מיט מידע פרעגנדיקע בליקן
און עס גייען נאָך אים שטום
אַלע זיינע טריט
פון דעם לאַנגן שווערן וועג
און פאָדערן אַ תיקון.

ווייט פונדאַנען

ווייט פונדאַנען, זייער ווייט,
אויף יענער זייט פון טאָג און נאַכט,
זײַנען נאָך די לאָנקעס גרין
און די רויטע בלימען בליען.
אויף דער בלאָער אָזערע פון צייט
שטייט דער חלום אויף דער וואַך,
עס שווימט אַרום אַ גאָלדענער באַגין
און ווייסע טויבן פליען.

נאָר דאָ איז האַרבסט אַצינד,
די נידעריקע הימלען גראָען
און דער אומעטיקער ווינט
ברענגט צו טראָגן מתנות קראָען.

צווישן טאָג און טאָג

צווישן טאָג און טאָג שטייט די נאַכט —
אַ שוואַרצער שומר אויף דער וואַך
פון האַרץ, וואָס איז אַראָפּ פון זינען
און וויל אין חלום כאָטש פון זיך אַליין אַנטרינען.

צווישן טאָג און טאָג ליגט אַ תהום,
און אויף זיין ראַנד אַן אַלטער בוים
אָן וואָרצלען איבער פעלזן קלעטערט
און גרינט מיט פרעמדע אויסגעבאָרגטע בלעטער.

צווישן טאָג און טאָג הענגט אַ וויג,
און עס הוידעט זיך אין איר אַהין און צוריק
פון טאָל צו באַרג פון באַרג צו טאָל
אַ מענטש אויף אַ בלאָער תליה פון אַמאָל.

אין טרויער

צום טויט פון אפרים קאגאנאָווסקי

„אין טרויער... אין ווייטיק... די קאָפּ טיף געבויגן...“ —
איך לייען און לייען — דאָס האַרץ וויל נישט גלויבן.
עס שפּרינגען די ווערטער אין פינצטערע רעמען
און ס׳יאָגט זיי מיין בליק נאָך און קען נישט באַנעמען.
עס קען זייער תוך צו מיין מוח נישט גרייכן,
אַז ס׳איז שוין פאַרלאָשן זיין ליכטיקער שמייכל,
אַז ס׳זענען די בליציקע ווערטער אַנטשוויגן
פון שענסטן און קלוגסטן וואַרשעווער ניגון
אויף שטענדיק, אויף שטענדיק,
און ס׳האָט זיך פון פרצעס שוין שוין פאַרענדיקט
דער לעצטער צעפינקלטער שימער...

אַ נעפּל אין צימער,
נאַכט אויף די שויבן,
איך לייען און לייען — דאָס האַרץ וויל נישט גלויבן.

כ׳האָב דעם אורטייל אָנגענומען

כ׳האָב דעם אורטייל אָנגענומען
און וואַרט אויף אים אין שטומער רו —
נאָר זאָלן אַלע זונען
זיך צעצונדן אין דער שעה.

און אַלע בלאָע הימלען
זאָלן אַ צעפּלאַקער טאָן —
כ׳זאָל אין ימען ליכט צעשווימען,
ווי אַ טראָפּן אויף דער זון.

אַ זעגל אין ווינט



אַ זעגל אין ווינט

עס איז שוין אַזאַ יאָר —
אַ גרענעץ־סלופּ אויף שיידע־וועגן.
אין גראָען נעפּל ציט זיך הינטער מיר די וואָר,
אַ טייך אַ בלויער — קומט מיין חלום מיר אַנטקעגן.

צעעפנט פון דאָס ניי — אַ זעגל אינעם ווינט —
עס שווימט מיין הארץ צו לאָקנדיקע ווייטן.
ווי דאָריאַן גריי כ'בין ווידער יונג אַצינד,
און אַלט איז בלויז מיין בילד אין שפּיגל פון די צייטן.

און אויב איך וועל די ווייט שוין נישט דעריאָגן,
אויב מיין שיפל איז פון אלטקייט שוין פארשימלט,
וועט די כוואליע שוין אַליין מיין הארץ דערטראָגן —
ווען נישט צום ברעג, איז צו דעם אויסגעבענקטן הימל.

עס פֿליסט צו דיר מיין ליבשאַפֿט

עס פֿליסט צו דיר מיין ליבשאַפֿט
נישט אַזוי ווי ס'פֿליסט אַ טייך אַ קלאָרער,
וואָס טראָגט אין זיך צום ווייטן ים
די מילדע האָפֿענונג פֿון פֿרילינגדיקע מאָרגנס,
די ווייסע פֿרייד פֿון בליענדיקע ביימער,
די זאַנגען גאָלדענע פֿון זומערדיקע טעג
און דעם ציטערדיקן חלום פֿון לבנה=נעכט.
מיין ליבשאַפֿט בויערט דורך איר וועג,
ווי אַ קוואַל אַן אונטערערדישער,
צווישן שיכטן פֿינצטערע און שווערע,
דורך שפּאַלטן פֿעלזיקע,
צעפּיצלט און צעברעקלט,
און נעמט צונויף זיך ווידער,
ווי אַ שלאַנג אַ זילבערנער,
אין היילן טונקעלע,
און קריכט, און קריכט פֿאַרמאַטערט
דורך קאַנאַלן קרומע און פֿאַרפּלאָנטערטע,
ביז זי פֿאַלט אַריין,
ווי אין אַ פֿייערדיקן ים,
אין אַ ברענענדיקן קראַטער,
און ווערט אַליין פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿלאַם.

אַ ליבע־ליד

ס׳קען גרייכלעך אויך אַזוי געשען:
עס וועט צו דיר נישט פירן שוין מיין וועג
און נישט באַשערט וועט זיין מיר דיך צו זען.
דער טרוים פון מיינע קינדער־טעג,
וואָס האָט אין טונקעלן בית־המדרש־ווענט
אויפגעלויכטן ווי דער סנה,
וועט שטאַרבן שטיל אויף מיינע הענט —
אַ רויטע רויז אויף ווייסן שניי —
ס׳קען גרייכלעך אויך אַזוי געשען.

נאָר אויב עס קען אַמאָל אַ כוואַליע נישט דערגיין,
נישט דערטראָגן ביז צום ברעג די בענקשאַפט פונעם תהום,
געבוירן ווערט אַ צווייטע פון איר זילבערדיקער שוים,
און די צווייטע טראָגט די ערשטע אויך אין שוים —

אויף ווייסן שניי פלאַמט העלער נאָך די רויטקייט פון דער רויז

טעג און נעכט

טעג —
ווי סטעזשקעס זאַמדיקע צווישן נאָמענלאָזע קברים,
ווי אָטעם־פּויזעס צווישן רעגנס האַרבסטיקע און שטורעמס — — —

נאָר אין אונטערערד
פון וואַכע נעכט —
יחזקאלס זעונג, ווי אַ כּישוף־ליכט,
לעבט אויף פונסניי דעם טאָל פון טויטע ביינער,
און יונגע שטימען פליִיצן איבער אַלע טונקלע ראַנדן
פון אונטער פעלזן מאָכיקע און שטיינער,
ווי זינגענדיקע קוואַלן,
און זעטיקן דעם דורשט פון אויסגעברענטע זאַמדן,
און צינדן ווּיסטעניש אָן מיט גרינע שטראַלן,
און ריזלען פרייליכע אויף אַ נייעם וועג
מיט שטאָלצן גרוס פון האָפענונג און שלום...

נעכט און טעג — — —
וואר און חלום — — —

אויף אַ ווייטער ערד

אויף אַ ווייטער ערד ביי שטורעם־ברעגן
האָט באַהאָפּטן ליבשאַפט זיך מיט צאָרן
און אַ ליד אַ נייס געבאָרן.
אַ ליד וואָס טרייסט און רופט
אַלע פליער אין דער לופט,
אַלע וואַנדערער אויף וועגן.

אַ ליד פון פעלדער־גרין,
פון ביימער, וואָס צום הימל רוישיק שטייגן,
און פון קנאָספּן, וואָלכע רויטלען זיך אויף צווייגן,
ווי די ערשטע קושן פון באַגין.

אַ ליד, וואָס האָט זיך אויסגעשליפן
אויף דער פינצטערניש פון לאַנגע וואָגל־נעכט,
אויף דעם בלענדיק טויטן־ליכט
פון חלפים־שאַרף
און זיינע שורות — סטרונעס פון אַן אַלטער האַרף —
האָבן שוין אין אַלע פייערן געגליט און אויסגערייפט.

אויף אַ ווייטער ערד ביי שטורעם־ברעגן
איז דאָס ליד געבאָרן —
און עס זינגען דאָס אַלע גילדענע קאַיאָרן
און אַלע פרייע ווינטן אויף די וועגן.

אויפן ברעג פון ים

אין מיין פענצטער קוקט אַריין אַ זוניק־בלאָער ברעג,
אין מיין נעפּלדיקן בליק ווינט דער ים זיך
ווי אַ ריזיק־גרויסע טרער,
אויפן ווייטן האָריזאָנט פירן ווייסע שיפן
מיינע קינדערישע טעג —
וועלכע ווינטן האָבן זיי געבראַכט אַהער?

אונטן וועקט זיך רוישיק אויף די שטאָט:
זינגענדיקע קלאַנגען פון אַ נאָענט־ווייטער שפּראַך,
יונגער שטיפערישער טראָט —
אין דער מיט פון גאַס גייען קינדערלעך אַ סך.

גייען קינדער מיט געלעכטער און געזאַנג —
שוואַרצע, בלאָנדע — קינדער אַלערליי,
און עס באַטשעט די ערד זייער קינדערישן גאַנג,
און עס גייט די זון מיט זיי צוזאַמען אין דער ריי.

אין דעם שפּיגל קענן פענצטער בלויט אַ ים אַ צווייטער,
זיינע זילבערדיקע כוואַליעס וואַשן מיינע טריט.
איבער זיי אויף אַ שטראַלנדיקן לייטער
שטייגט אַ גראָער יונגער ייד.

יעקב און רחל

אין מיטן וועג צווישן תל־אביב און חיפה.
אין די טונקלע, הייכן פינקלען שטערן —
העגנלעך טרויבן רייפע —
אין די רויטע זאַמדן יונגע זאַפטן יערן.

אַ פייכטער ים־ווינט קילט מיין אָנגעצונדן פּנים,
ס'וויגט מיין האַרץ זיך צווישן ערד און הימל —
יעקב שטייט פאַרחלומט ביי אַן אַלטן ברונעם,
פון דער ווייטנס רחלס צאַרטע שטימע:

„זע, אויף ברעגן שייטערס ברענען —
גילדענע באַגינענס —
זאָלסט פון ווייטן מיך דערקענען,
זאָלסט דעם וועג צו מיר געפינען.

נאַכט ביי נאַכט געהילט אין טרויער,
כ'אייל מיט ליבשאַפט דיר אַנטקעגן,
ביז דער טאָג הייבט אָן צו בלויען
כ'וואַרט דיך אָפּ אויף אַלע וועגן".

יעקב ענטפערט אָפּ מיט ציטער:
„כ'האָב דיר טרייהייט דאָ געשווירן,
נאָר אין שטורעמס און געוויטערס
האָבן וועגן זיך פאַרלוירן

צווישן פרעמדע ווייטן,
צווישן נעפּלען שוואַרצע,
בלויז דיין בילד אין בייזע צייטן
כ'האָב פאַרהיט נאָך אין מיין האַרצן.

איצט, ווען ס'איז דיין שטים מיר נאָענט,
פול מיט חסד און חנינה,
בלאָען ווידער אַלע שעהן,
אַלע ווענן זיך געפינען".



חיפה ביינאַכט

צי האָבן דאָ די שטערן פֿון די ברייטע טונקלע הימלען
אויף די הוילע קאַלעך־בערג אַראָפּגענידערט?
צי האָט די נאַכט דאָ אויסגעבישופּט פֿייערדיקע בלימען —
און אפשר האָבן אויפגעבליט דאָ אַלע מיינע שטומע לידער?

בערג צעיובלטע פֿון שיין ווי ריזן טויזנטאויגיקע
רעדן איבער זיך מיט פֿלאַמענדיקע בליקן
און איבער וועגן לאַנג פֿאַרגעסענע און שטויביקע
זיי פֿאַרציען שטראַלנדיקע בריקן — — —

איבער זיי איך גיי אַצינד אויף וואָר אַזוי ווי אין אַ חלום,
שטייג אַלץ העכער, העכער אין דעם שטערן־רעגן;
און טראָג מיין הארץ מיט שטילן גרוס פֿון שלום,
ווי אַ ציטערדיקן שטערן זיי אנטקעגן.

פ ײ ז אַ ז ש

אַ שטרענגער פאַרחלומטער ענדלאָזער הימל
צעהייעט אין ימיקע־כוואַליעס — קרישטאָלענע וויגן.
אויף נאַקעטע באַרגיקע קייטן און קופּערנעם שימל —
משערהעס פון קאַלך־שטיינער — ווייסע פאַרכישופטע ציגן.

צי איז דאָס אַ טרוים?
צי איז דאָס אויף וואָר?

אויף אַ פעלזיקן ראַנד פון א תהום
שטייט א יונגפרוי מיט זילבערנע האָר,
מיט פאַרגליווערטער פּיין אין געזיכט
און אין האַנט — א פאַקל פון ליכט.

דערמאָנונג

דערמאָנונג הילט אין טרויער מײַנע ווערטער,
אין אַ באַרג־הייל איז מײַן טרוים אַנטרונען,
וואָרעם ליב איז מיר דאָס לאַנד
און טײַער איז זײַן ערד מיר
און אויך דאָס פֿאָלק,
וואָס האָט אין וואַנדער דאָרט זײַן רו געפֿונען.

כ'בין ניט. אײן מאָל דאָרט געווען אין מײַן חלום,
מיט מײַן בענקשאַפֿט אַנגעטרונקען ווײַטע זאַמדן,
און מײַן האַרץ האָט שטיל דערבײַ געזונגען
דאָס שיינע ליד פֿון שלום,
וואָס האָט דער נביא נאָך געזונגען
פֿאַר אַלע פֿעלקער און פֿאַר אַלע שטאַנדן:

„עס וועט אין פֿאָלק אַנטקעגן צווייטן מער זײַן שווערד ניט הייבן,
און די קראַפֿט וועט מער שוין צווישן לענדער ניט אָנשיידן,
הײַנט וועט דער וואָלף מיט דעם שעפֿעלע דערנעבן
און אַ קליינער ייִנגל וועט זיי פֿירן בײַדן" — — —

און ווי זאָל איך דעם נביא'ס זונג איצט באַגעגענען,
ווען פֿול איז נאָך דער וואָלף מיט מאָרד־באַגער
פֿון זײַנע אור־אור־שטאַמען,
און צדוקים ווי אַמאָל

דעם שיינעם טרוים פֿאַרשעמען
און גייען אין זיין בייזן טראָט מיט אים צוזאַמען?

ס'איז מיר ליב דאָס לאַנד און ס'איז זיין ערד מיר טייער
און אויך דאָס פֿאָלק,
וואָס האָט אין וואנדער דאָרט זיין רו געפֿונען,
נאָר ס'איז פֿארצוקט דאָס קליינע יינגל
און דאָס שפּעלע פֿאַרברענט אין פֿייער — — —
טאָ זאָל דאָס ליד אין זייער אָנדענק איצט דערמאָנען

אַ זעונג

כ'האָב געזען אַ וווּנדערלעכן חלום:
אַ דרימלענדיקער טייך צווישן פעלזיקע צוויי ברעגן.
פון ביידע זייטן זענען מענטשן זיך געגאַן אנטקעגן
מיט א ברודער־רוף פון שלום
און מיט ווייסע פענער אין די הענט.
די בלאָע הימלען האָבן זייער וועג באשיט
מיט שטערנדיקן צוויט.
די בערג אַרום האָבן זיי מיט עכאָס זילבערנע געבענטשט.

און נאָך אן אויסטערלישע זעונג:
צו א צוים פון שטעכלדיקן דראָט
אין סאַמע מיט פון שטאט
האָט א קינד זיך שמייכלענדיק דערנענטערט —
דער טויט־סכנה ווידערשפעניק.
נאָר אומגעריכט
איז די צוים צעשוומען ווי אַ רויך
און א בלאָ־פאַרטאָגיק ליכט
האָט אראָפּגענידערט פון דער הויך
און ביידע זייטן שטאָט פאראייניקט.

דעמלט האָט דער טייך צעוואכט,
זיינע כוואליעס זענען זיך צעלאָפן אין אַ גילדענעם געוועט

און אָנגעטרונקעןביידע ברעגן צו דער זעט
מיט דער יונגער שיין, וואָס האָט ארויסגעשלאָגן פון דער נאַכט,
ווי דער קוואַל פון שטיין אין דער פאַרצייטישער לעגענדע.
מיין הארץ האָט היים און שנעל געשלאָגן.
אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן.
דער חלום איז געווען צו ענדע.

בלשון סג'=נהור

דער משיח־טרוימער און דער סגי־נהור

ס׳האָט אמאָל באשלאָסן א משיח־טרוימער
אויף דעם חומש־לייטער צו די הימלען גרייכן,
כדי משיחן וואָס שנעלער אויף דער ערד צו ברענגען.
נאָר אין מיט פון וואנדער אין די רוימען
דורך די קאַלטע הייכן —
האָט אין לייטער אומגעריכט געפלאצט א שטאפל,
און ביים טרוימער איז איין פוס געבליבן הענגען
אין אַ פוסטן חלל,
דאָס הייסט הארץ האָט געטאָן א צאפל
מיט אומגלויבן אין דער גאולה,
און אַ צעשראָקענער און מידער
איז ער צוריק אראָפּגעפאלן אין דער נידער.

דעמלט האָט דער טרוימער דאָס אזוי פארשטאנען,
אַז ס׳איז בכלל קיין הייכן נישט פאַראַנען,
און דאָס נייעס שנעל פארשפרייט אין גאנצן לאנד.

דאָס זעלבע איז אויך געשען אין אַן אַנדער וואַריאַנט:
אַ קורצזיכטיקער פאַרשוין
האָט אַוועקגעלאָזט זיך אין די בערג,
כדי פון נאָענט צו דערזען
זייער בלענדנדיקע קרוין.
נאָר אוים בלינדקייט האָט ער בלויז באַמערקט -
שוואַרצע קנוילן רויך

קרייזן אין דער הויך
אין משוגעדיקע בילדער,
שטיקער שטיין
פאַלן מיט געפּילדער
אין טיפֿע אָפּגרונטן אַריין —
און אין זיין מוח האָט געטאָן א שיין
א קלוגעטשקער פאַרדאַכט:
אפֿנים,
אַז דאָס אַלץ האָט עמעץ בלויז פאַרטראַכט
פאַר הייליקע נאַראָנים.
כלומרשט הייסט דאָס הויכע בערג,
וועלכע שטייגן אַלץ אַריבער,
נאָר יעדער זעעוודיקער גלייך באַמערקט,
אַז דאָס איז בלויז בלשון סגי־נהור,
און אויף דער וואָר
זענען נאָר פאַראַנען אָפּגרונטן און גריבער.

אַזוי געשעט עס אָפט אין אונדזערע צעמישטע טעג:
ווען ס׳דעקט א כמאַרע צו די זון,
ווען ס׳טרעפט א מכשול זיך אין וועג,
נישט ווייניק דרינגען שוין דערפון,
אַז ס׳איז קיין זון נישטאָ בכלל,
אַז יעדער מכשול איז א כלל,
און זיי הילן אַלץ אַרום אין טונקעלע געוועבן,
און מיט שאָטנדיקע הענט זיי לעשן אויס
דאָס גרויסע ליכט אין זייער לעבן
און צינדן אָן א גראָשנדיקע שיין אין זייער הויז.

דער וויִאָרסטן־סלופּ און דער גײער

א וויִאָרסטן־סלופּ בײ א נאַקעטן שאָסײ
האָט אַמאָל באַמערקט א גײער
זיך פאַרקערעווען אין א זײטיקער, פאַרשאָטנטער אַלײע.
— שטײ! —
האָט ער אויפגעציטערט אין זײן גאַנצער גרויס —
פאַר דײן טובֿה װעגן
כ׳װיל דיך װאָרענען פאָרויס:
די אַלײע פירט צו אַן אומבאַקאַנטער געגנט,
װאָס בלויז דער גאַנג אַהין, שוין אָפּגערעדט פון ציל,
זעט אויס צו זײן ביז גאָר פאַרדעכטיק.
— כ׳מײן, פאַרקערט — האָט דער גײער אָפּגעענטפערט שטיל —
אַז גראָד דערפאַר איז מײן גײן אַהין באַרעכטיקט,
װײל יעדער גאַנג האָט דעמולט נאָר אַ זינען,
װען ער איז אויסן עפּעס נײעס צו געפינען.

— שײנע רײד! —
האָט דער סלופּ געענטפערט מיט א שמײכל —
אין מײן יוגנט, קעמפנדיק פאַר אָט דעם נײעם,
כ׳האָב אַלײן זײ אָפּט פאַרשפּרײט
צווישן גרינע בײמער,
צווישן יונגע װינטן —
און איך טו עס נאָך אַדאַיעם,
נאָר שוין פאַרזיכטיק, מיט שׂכל —
איצט בין איך אַלײן דער שומר

און פאַרנעם אַ פּאַסטן אַ פאַרדינטן —
צי האָט מען ווייניק דען מיין הויט געשונדן,
מיט העק און זעג מיין גוף געגלייכט,
זשיוויצע ווי בלוט געצאַפּט מיר פון די ווונדן —
ביז איך האָב אַליין דערגרייכט
צו זיין די מאָס פון יעדערער באַוועגונג אויף פּאָרויס?

— כ'האָב נישט געוווסט —
האָט דער גייער אומעטיק געזאָגט —
אַז אויך אַ סלופּ אַזוי פיל רייד פאַרמאָגט,
נאָר האָב אויף מיר נישט קיין פאַרדרוס —
איך מיט דיר וועל לאַנג קיין שמועס נישט פירן —
(עס איז נישט אַזוי לייכט מיט סלופּעס דיסקוטירן) —
דאָך וויל איך דו זאָלסט וויסן בלויז,
אַז ווען אַ דראָנג פאַרוואַנדלט זיך אַפילו
אין אַ מעסטער פון די ווייטן,
קאָן עס אויך נאָך נישט באַדייטן,
אַז ער בכוח איז באַשטימען לויט זיין ווילן
די באַוועגונג אויף פּאָרויס.

די באַלאַדע פון אַ טויטן, וואָס גייט אַרום צווישן לעבעדיקע

טאָג איין און טאָג אויס,
ביי דעם ערשטן געקריי פון די הענער,
וואכט אויף פון זיין קבר
אַ צעפּאַלענער גוף.
ער גראַבלט פון חושך אַרויס
די פאַרטרוקנטע ביינער,
קלייבט אויף יעדן אבר
און האַלב נאָך פאַרזונקען אין שלאָף,
ווי אַ ליימענער גולם,
ער פאַרלאָזט דאָס בית־עולם.

ביים אַלטן צעבראָכענעם טויער
וואַרט אָפּ אים אַ פריער פרימאָרגן
מיט פּענדזלען פון שטראַליקע סטרונעס,
מיט גילדענע בעכער קאָלירן,
און טוישט אים דעם פינצטערן טרויער
אויף פּשוטע טעגלעכע זאָרגן,
און טוט אים דאָס אַש־גרויע פּנים
אין העלערע פאַרבן גרימירן
און גיט צו אַ שימער פון תיקון
די שטאַרע פאַרגליווערטע בליקן.

דאַן שיידן זיך ביידע פֿאַנאַנדער.
דער בר־מינן גייט צו זיין אַרבעט ווי שטענדיק,
שמועסט העפלעך מיט מענטשן, קוקט איבער פּאַפּירן,
טיילט אַלעמענס פריידן און זאָרגן,
און ס'אנט גאָר נישט קיינער, אַז דאָס איז אַן אַנדערער,
וואָס האָט מיט דעם אַלעם פונלאַנג שוין פֿאַרענדיקט
און לעבט בלויז אין זכות פון די פרעמדע קאָלירן,
וואָס האָט אים געשאָנקען דער פריער פרימאָרגן,
כדי נישט ביי קיינעם קיין חשדים צו וועקן,
כדי נישט קיין מענטשן צו שרעקן.

נאָר אָט לאָזט אַראָפּ זיך דער אָוונט אויף גאַסן,
די שאָטנס ווי וואַכן ביי ווענט זיך צעשטעלן,
די פֿאַרבן געבאָרגטע פֿאַרוויאַנען, פֿאַרבלאַסן,
צערינען אין פלעקן אויף טונקעלע שוועלן,
און ס'לויפן אָן וואָלקנס אין גרויסער בהלה,
ווי שליחים פון גיהנום, פֿאַרשרפהטע, ברוינע,
און יאָגנדיק איינער דעם צווייטן ווי דולע,
זיי רופן זיין נאָמען אוים: פּלוני בן פּלוני —
און כאַפּן אין איילעניש אבר נאָך אבר
און טראָגן צוריק זיי אין פינצטערן קבר.

כ׳האָב מײַן בוך אַרויסגעטראָגן
אין דעם פרילינגדיקן דרויסן

כ׳האָב מײַן בוך אַרויסגעטראָגן אין דעם פרילינגדיקן דרויסן,
אויף דער פרײַער לופט,
אויף דער זון —
האָבן אויפגעשײַנט ווי דימענטן אַלע זײַנע אותיות,
און יעדעס בלאַט — אין פײַערן געפּרוווט —
האָט אויפגעפלאַטערט ווי אַ פאָן.

זײַנע ווערטער, די פּירקאַנטיקע עקשנים,
האָבן זיך געשטעלט צום פרידלעכן געוועט —
אַלע בײַזע נעכט אויף חידוש,
און יונגע שטראַלן האָבן אויסגעגלעט די קנייטשן אויף זײַן פּנים
און פרײַע ווינטן האָבן זיך צערעדט
אויף לשון ייִדיש:

— „עס האָט אַמאָל אַ גרויסער בוים —
אַ ביימעלע וואָס איז געוואַקסן אים דערנעבן
און פון זײַנע שאָטנס זיך אַרויסגעזען קוים —
אין גען פון זײַנע וואָרצלען אײַנגעקלאַמערט.
זײַנע בלעטער האָבן זיך צערויִשט מיט צאָרן:
ווי וואַגט גאָר אַזאַ קלײנער דאָרן
אין זײַנע דלת־אַמות
פאַר זיך אַליין צו לעבן,
און דערצו נאָך שטײַגן,

וואַקסן אין די הייכן?
און ס'האָט דער גרויסער בוים מיט זיינע שווערע צווייגן
דאָסביימל צוגעדעקט געדיכט,
עס זאָל צו דעם שוין מער נישט גרייכן
קיין ברעקל ליכט.

נאָר ווי פאַרוואונדערט איז דער בוים געווען,
ווען פּלוצעם האָט ער גאָר דערזען
אויף אַן אנדער אָרט דאָס זעלבע ביימל שטייגן
צו די הימלען,
און אונטער זיינע שווערע צווייגן —
געלע בלעטער שימלען".

אַזוי האָט ווינט מיט ווינט זיך דורכגערעדט
פון פרי־פאַרטאָג ביז אָוונט־שפּעט
אויף לשון יידיש,
און ס'האָט מיין האַרץ זיך איינגעהאָרכט געדולדיק,
ווי ווּמעצן עס האָבן אָט די רייד פאַרחידושט,
און עמעצן באַשולדיקט...

געוועזן אַמאָל אַ בוים

געוועזן אַמאָל אַ בוים,
וואָס האָט זיין שטאָלצע קרוין
נישט געבויגן פאַרן שטורעם־ווינט,
נישט געבוקט זיך פאַר אים בלינד
אין הכנעהדיקער לויב,
ביז אין טיפן שטויב,
און אין בייזן רויש
זיין געבלעטער־לשון נישט געטויש —
געוועזן אַמאָל אַזאַ מין בוים.

און ס'האָט דער גאַנצער וואַלד זיך קעגן אים צעבראָגזט,
צעבייזערט זיך מיט האַס און נישט פאַרגין —
עס דאַרפן ביימער זיך נישט האַלטן גרויס,
עס האָט פאַר העלצער נישט קיין זין,
עס קען אַ בליץ זיך נאָך צעצונדן אין דער הייך,
דער גאַנצער וואַלד נאָך קען אַוועקגיין מיטן רויך.
פאַר זיינע זינד מיר וועלן אַלע זיין באַשוועהרט —
ס'האָט זיין חוצפּה נישט קיין שיר,
זאָל ער זיין ווי אַלע מיר,
זאָל ער קניען צו דער ערד.

נאָר ס'האָט דער בוים זיי אָפּגעענטפערט שטאָלץ:
איידער לעבן ווי אַ גולם בלויז פון האָלץ,
כ'בין גרייט מיט אַלע מיינע צווייגן
אין פייער־פלאַם צום הימל שטייגן.

אינהאַלט:

זייט

מאָרגנליכט

אזוי וועט זיכער זיין 9
דאָס ליד פון אלע מיינע לידער 11
א שטעטלשע באלאדע 13
די פרייד פון אונדזער וואָך 15
עס געשעט... 17
„לוניק II“ 18
א הימן דעם פארשטאנד 20
עס טרעפט נאָך אזא שעה 21
א לעגענדע 22

דער ברענענדיקער דאָרן

אין דער דאָזיקער נאכט 27
עס האָט די צייט זיך אָפּגעשטעלט... 29
ווי קענען פייגל... 30
נעכט 31
אין פייער שיין 33
* * * 34
פרילינג 37
צו גאסט אין א שטעטל 38
שווארצע וואָלקנס רויך 40
אויף אייביקן דערמאָנען 41
אויפשטאנד 45
אין א יום־טוב־טאָג 47
איבער אלטע רויבער־שלעסער 49
די שטראָף 50
ביביליש 51

מרידה

מרידה... 55
כ׳מיש די בלעטער... 57
פליט א טויב א ווייסע 59
דער יונגער בוים 60

ס'האָט מיין חלום דאָס אזוי באַנומען . . . 63
בושט דאָס איז דאָס ליד . . . 65
* * * . . . 66
צו מיין זון . . . 69
ווען אויסגעלאָשן . . . 71
און דאָך... . . . 72

שאָטנס

איך וויים... . . . 77
ביינאַכט אין וואלד . . . 79
א שטומער גלאָק . . . 80
ווען ס'האָט דער קעניג באַפוילן... . . . 81
אין מיין אויסגעלאָשן הויז . . . 82
וואָלקנס . . . 83
דאָס הויז פון אייז . . . 84
אין א רעגנדיקן טאָג . . . 86
ווייט פונדאַנען . . . 87
צווישן טאָג און טאָג . . . 88
אין טרויער . . . 89
כ'האָב דעם אורטייל אָנגענומען . . . 90

אַ זעגל און ווינט

א זעגל און ווינט . . . 95
עס פליסט צו דיר מיין ליבשאַפט . . . 96
א ליבע=ליד . . . 97
טעג און נעכט . . . 98
אויף א ווייטער ערד . . . 99
אויפן ברעג פון ים . . . 100
יעקב און רחל . . . 101
חופה ביינאַכט . . . 105
פייזאַש . . . 106
דערמאָנונג . . . 107
א זעונג . . . 109

בלשון סגי=נהור

דער משיח=טרוימער און דער סגי=נהור . . . 115
דער וויאָרסטן=סלופּ און דער גייער . . . 117
די באַלאַדע פון א טויטן, וואָס גייט ארום צווישן לעבעדיקע . . . 121
כ'האָב מיין בוך ארויסגעטראָגן אין דעם פרילינגדיקן דרויסן . . . 123
געווען אמאָל א בוים . . . 127